# פרשת ואתחנן ה' - י"א אב תש"פ לפ"ק

*יום חמישי פרשת ואתחנן - תשעה באב*

אחר אמירת מגילת איכה (על ידי הרה"ג רבי שמשון ראאב שליט"א), למד **רבינו שליט"א** המדרש על חורבן בית המקדש (פתיחתא לאיכה רבה פסקה כד).

אחר תפלת מנחה, למד **רבינו שליט"א** לפני בחורי הישיבה שיעור בדברי הגמרא בעניני חורבן בית המקדש (גיטין נו.).

*מתוך השיעור:*

**אבא סיקרא ריש בריוני דירושלים.** מיר קענען ווייניג היסטאריע פון יודען. אסאך מאל לערנט מען גוי'שע היסטאריע, און דאס קען מען, און נ"ך לערנט מען ווייניג, און מען קען נישט די היסטאריע פון כלל ישראל. - בשעת מען איז ארויס פון מצרים, איז געווען די ערשטע מצוה וואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, החודש הזה לכם ראש חדשים (שמות יב-ב), אז יודען ציילען די חדשים לויט ווי אזוי די לבנה ווערט באנייט. אומות העולם זענען מונה לחמה, זייער יאר ווערט גערעכנט לויט די טעג פון די זון, ווילאנג עס נעמט פאר די זון אדורכצוגיין, און ביי אונז ווערט עס גערעכנט לויט די לבנה. פארוואס פונקט די מצוה האט דער אייבערשטער מקדים געווען פאר משה רבינו ביי יציאת מצרים. די מצוה וואלט מען געקענט געבן שפעטער אויך. מען האט טאקע געוואלט זאגען אז דעם צענטן טאג אין חודש דארף מען מקיים זיין די מצות, אבער ווי אזוי מען האט אלעס גערעכנט פארדעם, האט מען דאס אויך געקענט אויסרעכענען.

**יודען** זענען נמשלה ללבנה (שמו"ר טו-כו), אנהייב חודש איז די לבנה זייער קליין, מען זעהט זייער ווייניג דערפון, עס ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, ביז פופצן טאג אינעם חודש. פופצן טאג אינעם חודש איז די לבנה במילואה, עס איז אנגעפולט. און נאכדעם הייבט עס אן צו ווערן קלענער און קלענער, ביז צום סוף חודש ווערט עס אלץ וויניגער און וויניגער. די לבנה ווייזט אז עס איז דא עליות און ירידות, עס איז דא עליות וואס מען גייט ארויף, און נאכדעם איז דא ירידות וואס מען גייט אראפ, און נאכדעם הייבט זיך נאכאמאל אן א עליה, וואס מען הייבט אן ווייטער ארויפצוגיין. אין הייליגע ספרים שטייט, אז דאס איז די עבודה פון יעדן יוד. יעדע מענטש האט עליות מיט ירידות, עס איז דא צייטן וואס ער שטייט העכער, און עס איז דא צייטן וואס ער שטייט שוואכער. עס איז נישט אויסגערעכנט ממש אזוי ווי די לבנה, פופצן טאג אזוי און פופצן טאג אזוי, אבער די לבנה איז דער סימבאל אויף דעם אז עס איז דא עליות מיט ירידות, און נאך די ירידות קומט ווייטער פרישע עליות.

**די** היסטאריע פון כלל ישראל איז געווען אויסגערעכנט פונקט ווי עס איז דא ביי די לבנה. פון אברהם אבינו, יצחק אבינו, יעקב אבינו, און אזוי ווייטער, ביז מען האט אויפגעבויט דעם בית המקדש, איז געווען פופצן דורות. אין נ"ך איז אויסגערעכנט פופצן דורות פון אברהם אבינו ביז שלמה המלך (אברהם אבינו, יצחק אבינו, יעקב אבינו, יהודה, פרץ, חצרון, רם, עמינדב, נחשון, שלמון, בועז, עובד, ישי, דוד, שלמה). ווען מען איז ארויסגעקומען פון מצרים איז מען געווען קודם אין מדבר, און שפעטער האט מען איינגענומען ארץ ישראל, און עס האט גענומען פיר הונדערט יאר ביז מען האט אויפגעבויט דעם ערשטן בית המקדש, אין די צייטען פון שלמה המלך. פון יציאת מצרים אן זענען יודען געגאנגען העכער און העכער, מען האט איינגענומען ארץ ישראל, נאך א חלק, און נאך א חלק, אין דוד המלך'ס צייטן איז נאך אלץ געווען מלחמות, אין שלמה המלך'ס צייטן זענען יודען געווען סיהרא במילואה ווערט עס אנגערופן, די לבנה איז געווען דעמאלטס מיט איר גאנצע שלימות. עס איז נישט געווען אין די היסטאריע פון כלל ישראל פון בריאת העולם, אזוי ווי די צייטען וואס איז געווען ביי שלמה המלך. אין שלמה המלך'ס צייטען איז געווען כלל ישראל באזעצט, עס איז נישט געווען קיין שום מלחמות, שלמה מלך איז געווען א מלך על כל העולם כולו (מגילה יא:), די גאנצע וועלט האט אנערקענט זיין מלכות, יעדער איז געווען אונטערטעניגט אונטער שלמה המלך. געלט האט נישט געפעלט, כסף לא נחשב בימי שלמה למאומה (מלכים א י-כא), עס האט זיך געוואלגערט זילבער און גאלד אין ירושלים, עס איז געווען די שענסטע צייטן וואס יודען האבן געהאט, און עס איז אלץ געווארן העכער און העכער, פון יציאת מצרים אן ביז כלל ישראל האט

זיך אהערגעשטעלט, און דעמאלטס האט מען אויפגעבויט דעם בית המקדש.

**פון** שלמה המלך'ס צייטען, ווען זיינע קינדער האבן איבערגענומען מלכות בית דוד איין מלך פונעם צווייטען, האט גענומען פופצן דורות ביז עס איז געווארן דער חורבן פונעם בית המקדש. צדקיהו וואס איז געווען דער מלך בשעת עס איז געווען דער חורבן פונעם בית המקדש, איז געווען פופצן דורות אפגערוקט פון שלמה המלך (רחבעם, אביה, אסא, יהושפט, יהורם, אחזיהו, יואש, אמציהו, עזיה, יותם, אחז, חזקיהו, מנשה, אמון, יאשיהו, צדקיהו). פון נאך שלמה המלך'ס צייטען האבן זיך זאכען געטוישט ביי יודען, רחבעם איז געווארן מלך, נאכדעם האט זיך כלל ישראל צוטיילט, עס איז געווארן צוויי מלכים, עס איז געווארן א מלך ישראל מיט א מלך יהודה. צען שבטים האבן זיך אפגעטיילט פון מלכות בית דוד, און זיי האבן געמאכט א עקסטערע מלוכה פאר זיך, אויסער ירושלים. און דארט איז ירבעם בן נבט געווען דער מלך איבער זיי. און יהודה און בנימין, צוויי שבטים אינגאנצן, זענען געבליבן צוזאמען מיט מלכות בית דוד אין ירושלים. פון דעמאלטס אן האט זיך אנגעהויבן א ירידה ביי כלל ישראל, ירבעם וואס איז געווען דער מלך ישראל, האט צוגערעדט אז מען זאל דינען עבודה זרה, ער האט אויפגעשטעלט עגלי זהב אז מען זאל נישט ארויפגיין צום בית המקדש. שפעטער איז געקומען סנחריב, און ער האט איינגענומען מלכות ישראל, און ער האט אוועקגעטראגען אלע יודען וואס האבען געהערט צו מלכות ישראל קיין לחלה וחבור. מלכות יהודה האט ער איבערגעלאזט, מלכות יהודה איז געווען א ערליכע מלכות, און שפעטער איז סנחריב נאכאמאל געקומען מלחמה האלטען מיט מלכות יהודה, און ער האט פארלוירן די מלחמה. עס איז געווען א געוואלדיגע נס, אז הונדערט פינעף און אכציג טויזנט ראשי גייסות זענען געשטארבען. דער אייבערשטער האט געעפענט זייערע אויערן אז זיי זאלן הערן די שירה פון די מלאכים, און זיי זענען אלע געשטארבען. שפעטער אין צדקיהו'ס צייטען, איז געקומען דער חורבן אויפן בית המקדש. קומט אויס, אז פופצן דורות האט גענומען פון אברהם אבינו'ס צייטען, ביז צום העכסטן פונקט וואס יודען זענען געווען אין די צייטען פון שלמה המלך. נאכדעם האט גענומען פופצן דורות וואס יודען זענען געגאנגען מטה מטה ביז צום חורבן פונעם בית המקדש הראשון. דער בית המקדש הראשון איז געשטאנען פיר הונדערט און צען יאר, און אין צדקיהו'ס צייטען איז חרוב געווארן דער בית המקדש.

**קומט** אויס, אז מיר זענען ממש געווען די סימבאל פון די לבנה. ווען יודען זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים האט זיך אנגעהויבן די עליה פון יודען, דאס איז געווען די סימבאל פון די לבנה, פופצן דורות וואס עס איז געגאנגען אלץ העכער און העכער, נאך מער געשיינט, און נאך מער געשיינט, און ווען עס איז געקומען דער פופצענטער טאג, דארט האט אנגעהויבן צו גיין די לבנה אויף אראפ. פון שלמה המלך'ס צייטען, איז כלל ישראל געגאנגען אלץ נידריגער, ביז עס איז געקומען דער חורבן פונעם בית המקדש. נאכען חורבן פונעם בית ראשון, איז מען געגאנגען אין גלות אויף בבל, זיבעציג יאר איז מען געווען אין בבל, אין די לעצטע צייטען פונעם גלות בבל האט פאסירט די נס פון פורים. דער אייבערשטער האט געזאגט אז ביי זיבעציג יאר וועלן יודען צוריקקומען קיין ארץ ישראל, און אזוי איז געווען, כורש האט געגעבן רשות אז מען קען צוריקגיין אויפבויען דעם בית המקדש, און מען האט צוריק אויפגעבויט דעם בית שני, און דער בית שני איז געשטאנען פיר הונדערט און צוואנציג יאר. נאכדעם איז געקומען דער צווייטער חורבן וואס מען האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש, און זייט דעמאלטס שטייען מיר און מיר ווארטען אז דער אייבערשטער זאל אונז אויסלייזען פונעם גלות.

**אונזער** גמרא רעדט פונעם בית שני, וואס דער קיסר האט ארויפגעשיקט זיין מיליטער זאל איינעמען ירושלים, דער פירער פון די מלחמה איז געווען אספסיינוס, און זיי האבן באלאגערט ירושלים. ירושלים איז געווען מוקף חומה, עס איז געווען ארומגענומען מיט א מויער, עס איז געווען טויערן וואו מען האט געקענט אריינגיין און ארויסגיין, און עס זענען געווען יודען וואס זענען געווען גיבורים, און די טויערן זענען געווען באוואכט דורך יודען פון אינווייניג, אז די אויבים זאלן נישט קענען אריינקומען. און מען האט נישט געקענט אריינגיין און ארויסגיין פון ירושלים. און עס איז געווען א מחלוקת וואס מען האט צו טון, חכמי ישראל האבן געהאלטן אז מען דארף זיך

אונטערגעבן אונטער די פיינט, און מען דארף זעהן עפעס אויף א וועג אויסצוגראדען מיט זיי, אז זיי זאלן נישט הרג'ענען, זיי זאלן לאזן דעם בית המקדש. מען דארף מאכען עפעס א וועג צווישן זיך, אזוי ווי צוויי מלוכות וואס שלאגען זיך, און מען מאכט צווישן זיך א וואפן שטילשטאנד, אז מען זאל זיך קענען אדורכקומען צווישן זיך וויפיל מען קען.

**די** בריונים זענען געווען אזוי ווי גענגסטער"ס, היציגע מענטשען, צו שלאגען און צו הרג'ענען, זיי האבן נישט געוואלט אז מען זאל שלום מאכען מיט די רומיים וואס זענען געקומען, נאר מען דארף ארויסגיין אין א קאמף און זיך קריגען. דער פאלק אין ירושלים האט נישט מיטגעהאלטן מיט די בריונים, זיי זענען געווען אונטערגעווארפן אונטער די תלמידי חכמים, און זיי האבן נישט געוואלט ארויסגיין פירן מלחמות. אין ירושלים זענען געווען דריי עשירים וואס האבן געהאט גענוג תבואה, אז איין און צוואנציג יאר האבן זיי געקענט שפייזען דעם גאנצן כלל ישראל. זענען געגאנגען די בריונים און זיי האבן אונטערגעצינדען אלע אוצרות פון עסן וואס עס איז געווען אז עס זאל זיין ווייניג צו עסן, און אזוי ווי עס וועט אנהייבן צו ווערן א הונגער, ווייל מען קען נישט אימפארטירן, די חומה איז פארמאכט, מען קען נישט אריינטראגען, און מען קען נישט ארויסטראגען, וועט מען זיך מוזען אונטערגעבן און ארויסגיין מלחמה האלטן מיט די פיינט.

**פארציילט** יעצט די גמרא, אז דער אנפירער פון די חכמי ישראל איז געווען רבי יוחנן בן זכאי, ער איז געווען דעמאלטס דער חשוב'סטער וואס איז געווען דארט אין ירושלים. און ער האט געהאט א נעפי"ו, א שוועסטער'ס א קינד, וואס האט געהייסען אבא סיקרא, און ער איז געווען דער אנפירער פון די בריונים.

*

**אמר ליה תן לי יבנה וחכמיה [שלא תחריבנה ולא תהרוג חכמיה], ושושילתא דרבן גמליאל [משפחת הנשיא שלא תהרגם שלא תכלה שולטנות בית דוד], ואסוותא דמסיין ליה לרבי צדוק [רופאים תן לי מאנשיך שירפאו את רבי צדוק שלא היה יכול לבלוע אוכל לפי שנתקצרו מעיו בתעניותיו].** א דאקטער פאר רבי צדוק איז לכאורה א זאך וואס איז נישט נוגע פארן גאנצן כלל ישראל. עס איז דא איין מענטש רבי צדוק וואס האט געפאסט, און ער איז צוזאמגעגאנגען פונעם תענית, און מען דארף אים היילען. און ער האט צוזאמגעשטעלט אז ער דארף האבען א דאקטער פאר רבי צדוק, און עס איז פונקט אזוי וויכטיג ווי יבנה וחכמיה און שושילתא דרבן גמליאל. מען רעדט נאר פון איין מענטש, רבי צדוק זאל נישט שטארבען, פארוואס דארף ער האבען א רבי צדוק.

**די** מפרשים זענען מסביר, אז יעדער דור דארף האבען איינעם פונעם פריערדיגען דור אז מען זאל קענען ארויפקוקען ווי אזוי מען האט אמאל אויסגעקוקט. אז עס וועט איבערבלייבען א רבי צדוק, און דער דור וועט זעהן א יוד וואס האט געפאסט פערציג יאר אז דער בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן, דאס איז נישט אז רבי צדוק לעבט, דאס גיט א אנדערן בליק פארן גאנצן דור, אז דער גאנצער דור ווערט אנדערש אויפגעשטעלט ווען מען זעהט ווי אזוי יודען האבען אמאל געלעבט, אז מען האט אוועקגעגעבן דאס גאנצע לעבן פאר תפלה אויפן חורבן פונעם בית מקדש.

**און** אזוי בעהט מען אויך ביים דאווענען, דער אייבערשטער זאל איבערלאזען צדיקים מיט חסידים וזקני עמך בית ישראל. דאס איז טייטש אז די זקני עמך בית ישראל זענען נישט קיין צדיקים, און זיי זענען נישט קיין חסידים, ווייל אויב יא וואלטן זיי געדארפט זיין נכלל אינעם ערשטען העלפט. נאר זקני עמך ישראל, א עלטערער יוד וואס האט געקענט א פריערדיגען דור, איז א אנדערע סארט יוד ווי דער היינטיגער דור איז. און אין יעדן דור דארפן איבערבלייבען זקנים וואס מען זאל קענען ארויפקוקען אויף זיי ווי אזוי מען פירט זיך.

**מען** זאגט נאך, אז עס שטייט אין **שלחן ערוך** (או"ח קפ-ה), אז בשעת מען בענטשט זאל מען אראפנעמען דעם מעסער, עס זאל נישט זיין קיין מעסער אויפן טיש, ווייל עס איז געווען אמאל א יוד וואס בשעת ער האט געבענטשט, און ער האט זיך דערמאנט פונעם חורבן בית המקדש, רחם נא ה' אלקינו על ישראל עמך ועל ירושלים עירך, פון גרויס צער אז דער בית המקדש איז נישט דא, האט ער גענומען די

מעסער וואס איז געלעגן אויפן טיש, און ער האט זיך ארייגעשטאכען, איז וועגן דעם זאל מען נישט האלטן א מעסער אויפן טיש. מען האט טאקע מורא אז אויב עס וועט זיין א מעסער אויפן טיש וועט מען זיך גיין שטעכן, אז וועגן דעם נעמט מען אראפ די מעסער פונעם טיש?! ניין, קיינער וועט זיך היינט נישט שטעכן ווייל ער איז זיך מצער אויפן חורבן פונעם בית המקדש, אבער מיר נעמען אראפ די מעסער כדי מיר זאלן געדענקען אז עס איז אמאל געווען א יוד וואס האט זיך געשטאכען בשעת'ן בענטשען, אויפן חורבן פונעם בית המקדש. דאס אליין אז מען זאל געדענקען אז עס איז געווען אזא סארט יוד וואס האט געקענט צוקומען אז עס האט אים אזוי ווי געטון דער חורבן פונעם בית המקדש אז ער האט זיך געשטאכן, נעמען מיר אראפ דעם מעסער, אז מיר זאלן געדענקען ווי אזוי עס זענען אמאל געווען יודען.

**א** יוד וואס האט געקענט א פריערדיגען דור, איז א אנדערע סארט יוד. א אלטער יוד וואס האט געקענט א פריערדיגען דור, דער יוד האט נאך געדענקט דעם שינאווער רב, און דער שינאווער רב האט געקענט רבי הערש כהן פון רימנוב, און אזוי ווייטער דעם צאנזער רב, עס איז איינס צוויי דורות אפגערוקט אינגאנצן, און זיי האבן נאך געזעהן אזעלכע צדיקים פאר זייערע אויגן, זיי זענען געווען אנדערע סארט מענטשען. זיי האבן אנדערש געדאווענט, זיי האבן אנדערש אנגעקוקט די עבודת ה' ווי אזוי מיר קוקען עס אן. דאס איז די חשיבות פון זקני ישראל. און רבי יוחנן האט געהאלטן אז כדי מען זאל קענען אויפבויען א פרישען כלל ישראל מוז זיין א בילד, א רבי צדוק, אז מען זאל זעהן א רבי צדוק וואס האט געפאסט פערציג יאר אויפן חורבן פונעם בית המקדש, און עס האט אים ווי געטון דער חורבן. וועגן דעם ווען ער האט געזעהן אז עס גייט קומען א חורבן, ער קען נישט בעטן אז מען זאל נישט חרוב מאכען ירושלים, און אין א שטיק צייט ארום גייט חרוב ווערן ירושלים, עס וועט נישט זיין א בית המקדש, און מען וועט דארפן אנהייבען צו לעבן מיט א נייע מצב פון א חורבן, מען וועט דארפן אויפבויען דעם חורבן שפעטער, האט ער אויסגעזוכט די דריי וויכטיגסטע זאכען וואס מען דארף האבן. מען דארף האבן דערצו יבנה וחכמיה, מען דארף האבן דערצו שושילתא דרבן גמליאל, און מען דארף א יוד ווי רבי צדוק, וואס זאל לעבן צוזאמען, אז מען זאל זעהן ווי אזוי א יוד דארף אויסצוזעהן.

*

**תן לי יבנה וחכמיה, ושושילתא דרבן גמליאל, ואסוותא דמסיין ליה לרבי צדוק.** זיך האט ער אינגאנצן ארויסגעלאזט. ער וואלט געדארפט בעטן אז פאר אים זאל מען גארנישט טון, איך האב א ווייב און קינדער, מיינע קינדער און אייניקלעך זענען דארט, זיי זיי מציל. אז ער האט געקענט בעטן אויף רבן גמליאל'ס משפחה, וואלט ער געקענט בעטן אויף זיין משפחה. נאר אזוי ווי ערליכע יודען האבן זיך אמאל געפירט, מען האט זיך מפקיר געווען, מען קוקט נישט אויף זיך, מען קוקט וואס עס איז די טובה פון כלל ישראל. רבי יוחנן בן זכאי האט נישט געפילט אז די טובה פון כלל ישראל איז, ווען זיין ווייב מיט קינדער וועלן בלייבן לעבן. די טובה פונעם כלל ישראל איז, ווען ער וועט קענען אויספירן די דריי זאכען וואס ער האט געבעטן. ווען ער וועט האבן יבנה וחכמיה, האט ער אויפגעשטעלט תורה. אפילו עס וועט חרוב ווערן דער בית המקדש, וועלן בלייבן גדולי ישראל, יבנה וחכמיה, וואס זיי וועלן קענען ווייטער ממשיך זיין תורה. מען דארף האבן מלכות בית דוד, עס זאל איבערבלייבען שושילתא דרבן גמליאל. אז ווען דער בית המקדש וועט ווערן אויפגעבויט זאל מען קענען זוכה זיין צו מלכים פון מלכות בית דוד פונעם שלשלת פון רבן גמליאל. האט ער געבעטן זאכען וואס זענען נוגע צום כלל.

*

**אמר ליה תן לי יבנה וחכמיה, ושושילתא דרבן גמליאל, ואסוותא דמסיין ליה לרבי צדוק. קרי עליה רב יוסף ואיתימא רבי עקיבא, משיב חכמים אחור ודעתם יסכל** (ישעיה מד-כה), **איבעי למימר ליה לשבקינהו הדא זימנא. והוא סבר, דלמא כולי האי לא עביד, והצלה פורתא נמי לא הוי.** ווי אזוי וואלטן מיר פארשטאנען מיט אונזער שכל? וואס וואלט מען געדארפט בעטן? זאל מען בעטן א גרויסע זאך, אז מען זאל איבערלאזן ירושלים, וואס עס איז נישט מסתבר אז ער זאל עס טון. צו מען זאל בעטן א קליינע זאך, און דאס וועט מען קענען אויספועל'ן. עס איז משמע אין די גמרא, אז עס איז

געווען א מחלוקת צווישן רבי עקיבא מיט רבי יוחנן בן זכאי, רבי יוחנן בן זכאי האט געזאגט אז מען דארף נישט בעטן קיין גרויסע זאך, מען דארף בעטן פון איינעם א קליינע זאך, וואס מען פילט אז ער קען עס טון. און רבי עקיבא האט געהאלטן, ניין, מען דארף גיין ביז צום סוף, און בעטן אז ער זאל איבערלאזן גאנץ ירושלים.

**ווען** א יוד דארף חתונה מאכען א קינד, און ער דארף האבען פופציג טויזנט דאלער, און ער דארף בעטן פון יענעם אז ער זאל אים געבן, וואס זאל ער צוגיין צו א עושר בעטן? זאל ער אים זאגען גיב מיר טויזנט דאלער, וואס דאס וועט ער באקומען פון אים, אדער זאל ער אים בעטן געב מיר פופציג טויזנט, און ער וועט אים זאגען גיי דיר געזונטערהייט. וואלט דאך יעדער פארשטאנען, אז מען דארף זאגען א זאך וואס מען קען באקומען. מען זאגט נישט א זאך וואס מען קען נישט באקומען. אבער זיי האבען געהאלטן, ניין, אז ער וואלט געדארפט בעטן א זאך וואס אויפן שכל לייגט זיך נישט אז ער זאל עס געבן, אפשר וועט געלונגען אז ער וועט נישט חרוב מאכען ירושלים.

**דער** טייטש דערפון איז, ווייל לב מלכים ושרים ביד ה' (משלי כא-א), דער הארץ פון א מלך און פון א שר איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, די גאנצע זאך וואס עס שפילט זיך אפ דער חורבן פונעם בית המקדש, דאס איז אלעס דברים וואס איז נישט אין טבעיות, עס איז נישט וואס מען רעכנט אויס מיטן אייגענעם שכל אז עס דארף אזוי צו זיין. עס איז זאכען וואס עס איז שלא כדרך הטבע וואס מען האט אנגעשריבען פון אויבן. ווען מען בעהט פון אספסיינוס אז ער זאל עפעס נאכגעבן, בעהט מען נישט פון אים, מען בעהט פונעם אייבערשטען! ווען מען בעהט עפעס פונעם מלך, איז דער הארץ פונעם מלך אין די האנט פונעם אייבערשטען. און אז מען בעהט פונעם אייבערשטען, פונעם אייבערשטען קען מען בעטן אלעס. רבי עקיבא האט געהאלטן, אז משיב חכמים אחור, ער האט אוועקגענומען די שכל, ער וואלט געדארפט בעטן די גרעסטע מאס וואס מען קען. איי בדרך הטבע אויפן שכל לייגט זיך נישט אז ער זאל עס באקומען, אבער ווען מען רעדט פון זאכען וואס שפילען זיך אפ שלא כדרך הטבע, און לב מלכים ושרים ביד ה', קען מען בעטן א זאך וואס איז שלא כדרך הטבע אויך. און רבי יוחנן בן זכאי האט געהאלטן אז מען דארף עס ארייגלייגען אין טבע, קוקען וואס מען קען ביי אים פועל'ן און וואס נישט. דאס האט ער געהאלטן אז ער קען ביי אים מרוויח זיין, און די איבריגע האט ער געהאלטן אז ער קען נישט, האט ער עס נישט געבעטן.

*

***ערב שבת קודש פרשת ואתחנן***

בשעות הצהרים התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יוסף** (ב"ר אלעזר) **מענצער** הי"ו, ושל בן הרב **נחמן גרינצווייג** שליט"א.

*

***שבת קודש פרשת ואתחנן***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי נפתלי מראפשיץ זי"ע** (מתוך הספר י"ג אורות ח"ב). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א**, דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודה בבארא פארק.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

פעם שח **הגה"ק רבי מנחם מענדל הלברשטאם אבד"ק פריסטיק** אודות **הבעל שם טוב הק' זי"ע**, ונזדמן שם חותנו **הגה"ק משינאווא**, ושאל במה המדובר, אמר לו, שמדברים על גדולתו של הבעל שם טוב הק' שלא קם כמותו, אמר, וכי הרב מראפשיץ לא היה בעל שם?

**והעיר רבינו:** אבער עס איז דאך נישט קיין דמיון, מיר מעסטען נישט קיין צדיקים, אבער דער **בעל שם טוב** איז געווען דער ערשטער, דער צווייטער קען שוין גרינגער נאכמאכען. דער בעל שם טוב האט אראפגעברענגט דעם ענין, קען שוין נאכדעם אויסוואקסען א צווייטער אויך. אבער אויסוואקסען אזוי ווי דער בעל שם טוב, ער זאל זיין דער ערשטער דאס אראפצוברענגען, איז נישט געווען.

*

כתוב בספר **אילה שלוחה** (מאת הרה"ק מראפשיץ זי"ע, פ' וירא) וזה לשונו: וזה היה כוונתי בימי חורפי, כשהייתי בדחן על החתונות, ואמרתי להחתן וכלה שיהא הזיווג עולה יפה, היה כוונתי שיאריכו ימים עד ביאת המשיח, שאז יהיה הזיווג של שני השמות הוי"ה אדנ"י עולה צ"ה, כמנין יפ"ה ע"כ.

**והוסיף רבינו:** איך האב אמאל געזעהן נאך א געדאנק אויף דעם וואס מען זאגט אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין. די גמרא (סוטה יז.) זאגט, איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם, א יעדע יודישע שטוב וואס מען שטעלט אויף, איז א בית המקדש. ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח), עס קען זיין א השראת השכינה, א מקדש, אין א יודישע שטוב. די מצוה פון ועשו לי מקדש איז די פינף און ניינציג'סטע מצוה אין די תורה, וואס עס באטרעפט אויך אזוי ווי יפ"ה. מען וואונטש אן, אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, אז דער זיווג זאל זיין אזוי ווי דער מצוה פון ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, אז עס זאל זיין א השראת השכינה אין דעם שטוב.

**וועגן** דעם שרייבט מען אין די תנאים, ושאלה את פיה ואמרה הן. די פשוטע טייטש איז, אז מען האט איר געפרעגט צו זי איז מסכים צום שידוך, ואמרה הן, און זי האט געזאגט, יא. אזוי געפונט מען ביי יצחק אבינו (בראשית כד-נז), נקרא לנערה ונשאלה את פיה. פי"ה באטרעפט אויף פינף און ניינציג. ושאלה את פיה, מען האט איר געפרעגט צו זי איז גרייט אויפצושטעלן א שטוב אזוי ווי די פינף און ניינציג'סטע מצוה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, ואמרה הן, און זי האט מסכים געווען, אז מען גייט אויפשטעלן אזא שטוב.

*

כשבא **הרה"ק מראפשיץ** לראשונה **להרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע** שיקבלו לתלמידו, סירב באמרו שהוא 'בן הרוצח'. ופירש את דבריו כי **הרבי ר' אלימלך והרבי ר' זושא** ערכו גלות ולא נודעו לאיש, וכשכבר גמרו בדעתם לסיים הנידודים, נכנסו לבית **הגה"ק רבי מענדל'ע לינסקער** אבי הרה"ק מראפשיץ. הרה"ק מלינסק בגודל קדושתו הכיר מיד את גודלם. אך אמר להם, באם הייתי גולה כמותכם, הייתי מגיע למדריגות גבוהות יותר. כששמעו שעדיין לא סיימו מלאכתם בשלימות, החליטו להיות נע ונד עוד שנה, ומטעם זה קרא הרבי ר' אלימלך את הרה"ק מראפשיץ 'בן הרוצח'. הרה"ק מראפשיץ השתטח על הארץ וגעה בבכי, מהו אשמתי שאנכי בן אבי, ורק בקושי רב הסכים לבסוף לקבלו כתלמיד.

**והוסיף רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז דער **רבי ר' אלימלך** האט נישט מקבל געווען תלמידים וואס זענען געווען יחסנים. ער האט געזאגט, אז אזוי ווי ער איז א יחסן האלט ער זיך חשוב מיט זיין יחוס, און ער קען זיך נישט געהנוג מכניע זיין אז ער זאל קענען מקבל זיין. ער האט נישט געוואלט נעמען אזעלכע תלמידים וואס קענען זיך נישט מכניע זיין.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז עס איז א משל אזוי ווי ווען מען וויל אריינגיסן פון איין כלי צו א צווייטע כלי, פון א באטעל אין א גלאז, טאמער די גלאז איז אזוי הויך ווי די באטעל איז, קען מען נישט אריינגיסן אין אים, עס מוז זיין נידריגער כדי מען זאל קענען אריינגיסן. די זעלבע ווען א רבי וויל משפיע זיין אויף א תלמיד, ווילאנג דער תלמיד האלט זיך אין איין גרויסקייט ווי דער רבי, אדער ער האלט אז ער איז גרעסער פונעם רבי, קען מען נישט משפיע זיין, מען קען נישט אריינלייגען אין אים. אבער ווען עס איז דא הכנעה, מען בייגט זיך אראפ, דעמאלטס קען מען אריינגיסן. אזוי ווי ער איז א יחסן, האט ער נישט געהנוג הכנעה ער זאל קענען מקבל זיין פון זיין רבי.

*

אצל **הגה"ק רבי מענדל'ע מרימנוב** באו הרבה אנשים לדין תורה, כי היה גם אב"ד העיר. והיה ביניהם גם כן אנשים פשוטים כסוחרי סוסים וכדומה, והיות שלא היה דעתו ועתו פנוי לדברי ריבם, מינה את **הרה"ק מראפשיץ** כדיין על דיני תורות האלו, והיו כולם ממתינים לעת בואו לעתים קרובות שידון להם דיניהם.

חדר הבית דין היה סמוך לבית המדרש, ופעם בשעה שניהל הרה"ק מראפשיץ דין תורה בין שני סוחרי סוסים, עבר הרה"ק רבי מענדל'ע דרך שם בדרכו לבית המדרש הקטן שלו, והאזין איך שהרה"ק מראפשיץ חוזר על טענותיהם של סוחרי הסוסים (כמבואר בשו"ע חו"מ יז-ז), שהיו גג על גג מלא גניבות וערמות, והבין הרה"ק רבי מענדל'ע כל הכוונות שמכוון הרה"ק מראפשיץ, נענה ואמר, 'כשהייתי אברך גם כן יכולתי לעשות ככה'. והיינו, לומר דברים ארציים כאלו, ולכוין בהם דברים העומדים ברומו של עולם.

**והוסיף רבינו:** עס שטייט אין הייליגע ספרים, שנו חכמים בלשון המשנה (אבות ו-א). די חכמים בשעת זיי

האבן גערעדט, איז עס געווען אלץ מיט א דאפעלטע לשון. מען קען רעדן צו איינעם אזוי, און מכוון זיין העכערע כוונות דערין.

**וביאר רבינו:** ער שרייבט דא, אז רבי מענדעלע האט געזאגט, אז אין די יוגענט האט ער אויך געקענט. און אויף דער עלטער האט ער נישט געקענט? ער האט דאך אוודאי געקענט אויף די עלטער דאס וואס ער האט געקענט אין די יוגענט.

**איך** וועל דערציילען דערויף א מעשה, וועט מען פארשטיין די מעשה אויך. איך האב אסאך יארען צוריק געהערט פונעם **לאנדסבערגער רב זצ"ל**, דער לאנדסבערגער רב איז געווען א תלמיד פונעם **סעמיהאי'ער רב**, דער **מהרש"ג**, און דער סעמיהאי'ער רב איז אמאל געזעסן צווישן מנחה און מעריב און געשמועסט, און ער האט געזאגט, אז היינט איז שוין נישט דא קיין רוח הקודש ווי אמאל. עס איז נישט דא אז א צדיק זאל האבען רוח הקודש, אזוי ווי עס איז געווען אמאל. איז געווען דארט א יוד, און ער איז צוגעקומען און ער האט געזאגט, ווי אזוי קען דער רבי זאגען אז עס איז נישט דא קיין רוח הקודש, איך בין געווען ביי א צדיק, און איך האב געזעהן ביי אים רוח הקודש. פרעגט אים דער מהרש"ג, ביי וועם ביזטו געווען, און וואס האסטו געזעהן. האט ער געזאגט, אז ער איז געווען ביי **רבי מרדכי'לע נאדבורנער**, און עס איז אריינגעקומען א יודענע מיט צוויי קינדער, און זי האט געבעטן אז דער רבי זאל בענטשען די קינדער. האט ער גענומען דאס ערשטע קינד און ארויפגעלייגט די האנט און ער האט אים געבענטשט. ווען עס איז געקומען צו בענטשען די צווייטע קינד, האט ער געזאגט, דאס קינד בענטש איך נישט, דאס קינד איז א פסול קינד. האט ער געפרעגט דעם מהרש"ג, איז דאס נישט קיין רוח הקודש, צו קענען זאגען אויף א קינד וואס ער איז.

**האט** דער מהרש"ג געזאגט, דאס איז נישט קיין רוח הקודש, ער האט א גוט אויג. ער דערקענט אויף א זאך צו עס האט א קדושה, צו עס האט נישט קיין קדושה. און דאס איז נישט די מדריגה פון רוח הקודש. עס איז א קלענערע מדריגה, צו דערקענען אויף א זאך אז עס האט א קדושה צו נישט. האט דער מהרש"ג געזאגט אויף זיך, אלץ יונגערמאן האב איך געקענט דערקענען אויף א כלי צו עס איז געטובל'ט, צו נישט. עס איז נישט קיין רוח הקודש, מען קען דערקענען אויף א זאך, צו עס ליגט דערויף א רוח פון קדושה צו נישט. די מעשה וואס דו האסט דערציילט, הייסט נישט קיין רוח הקודש.

**האט** דער לאנדסבערגער רב צוגעגעבן, אז ער האט זיך געוואונדערט, אז ער האט געזאגט, אז אלץ יונגערמאן האט ער געקענט דערקענען צו די כלי איז גע'טובל'ט. וואס איז געווארן אויף דער עלטער? ער האט פארלוירן די מדריגות וואס ער האט געהאט אין די יוגענט? האט ער געזאגט צוויי זאכען. אדער עס קען זיין אז ער האט עס געהאט אויף די עלטער אויך, נאר אלץ ענוה האט ער נישט געוואלט זאגען אז ער האט די מדריגה, האט ער געזאגט אז אמאל האט ער געהאט די מדריגה. צווייטענס האט ער געזאגט, אז קען זיין ער האט פארלוירן די מדריגה אויף די עלטער. ווייל כדאי מען זאל האבען די מדריגות, דארף מען זיין אויסגעטון פון עניני עולם הזה. ווען מען לעבט אין א אנדערע וועלט, דעמאלטס דערקענט מען וואס עס איז קדושה, און וואס עס איז נישט. אין די יוגענט ווען ער איז געזעסן און געלערנט, ער האט נישט געהאט צו טון מיט די וועלט, האט ער געהאט די מדריגה. שפעטער ווען ער איז געווארן א רב, און ער האט שוין געהאט צו טון מיטן ציבור, מיט א שטאט, מיט תלמידים, האט ער זיך שוין נישט געקענט אזוי אפגעבן מיט העכערע ענינים, קען זיין אז ער האט פארלוירן די מדריגה. מען קען זיין אמאל אויף א מדריגה, אז אין די יוגענט זאל מען עס האבן, און שפעטער זאל מען עס פארלירן. ווייל כדי צו האבן די מדריגות דארף מען זיין אויסגעטון פון דעם עולם, און אסאך מאל אויף די עלטער קען מען נישט טון וואס מען האט געהאט אמאל אין די יוגענט. - דאס האט דער רבי מענדל'ע געזאגט, אז אין די יוגענט האט ער אויך געקענט טון אזוי, ער האט זיך געקענט אראפלאזן און מכוון זיין ביידע, אבער אויף די עלטער איז זיין מדיגה געווען אסאך העכער, אז ער האט נישט געקענט צו דעם צוקומען.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**